## פינאנציעלע באריכטן:

פון: מענדל קליין

פארמעגנס, און די 6'טע גרעסטע אין אייראפע. די באנק איז נומער 17 לויט איר סטאק מארקעט ווערד. עס איז הויפטקווארטירט אין פאריז אבער עס איז א ריזיגע אנערקענטע אינטערנאציאנאלע באנק, זייענדיג איינע פון די עלטסטע פראנצויזישע בענק וואס מען האט עס געגרינדעט אין 864'.

איצט האט די פראנצויזישע באנק געשליכטעט אמעריקאנער אנקלאגעס און וועט באצאלן א שטראף פון 585 מיליאן דאלאר פאר צאלן כאבאר אין ליביע, צו געווינען רעגירונג אינוועסטמענטס נאך פון די צייטן ווען מואמאר קאדאפי איז געווען דער דיקטאטאר וואס האט געפירט דאס לאנד. אויסערדעם וועט די באנק באצאלן נאך 750 מיליאן דאלאר צו שליכטן אמעריקאנער קלאגעס אז די באנק האט אומלעגאל מאניפולירט די פראצענט ראטע וואס ווערט באשטימט יעדע נאכט אין לאנדאן.

אלץ טייל פון דעם אפמאך האט זיך די באנק דינסטאג דערקלערט שולדיג אין פעדעראלן געריכט אין פארלעצן די אמעריקאנער געזעצן קעגן צאלן כאבאר אין אויסלאנד פון 04' ביז 09', אבער די באנק וועט נישט קרימינאל אנגעקלאגט ווערן אויף די פראצענט ראטע מאניפולאציעס, וואס דאס וואלט פיל שעדליכער געווען פאר די באנק.

* * *

### העקער באקומט פינף יאר טורמע פאר יאהו פארלעצונג

א 23 יעריגער קאמפיוטער העקער, קארים באראטאוו, איז פאראורטיילט געווארן צו פינף יאר טורמע פאר זיין ראלע אין די מאסיווע העקעריי אקציע קעגן יאהו וואס די פעדעראלע אגענטן האבן פעסטגעשטעלט אז דאס איז אנגעפירט געווארן דורך א רוסישע שפיאנאזש אגענטור, אבער באראטאוו האט ווארשיינליך נישט געוויסט אז ער ארבייט פאר די רוסן.

ער האט זיך דערקלערט שולדיג אויף 9 פעלאני קלאגעס אין נאוועמבער אונטער א פלי בארגען, אונטער וואס ער האט אויך קאאפערירט מיט די אויספארשער.

ער איז געבוירן אין קאזאקסטאן, אבער ער האט געוואוינט אין טאראנטא, קאנאדא וואו מען האט אים פאר א יאר ארעסטירט. ער פלעגט באקומען הונדערט דאלאר פון מענטשן וואס האבן אים געדינגען אריינצודרינגען אין די אימעילס פון אנדערע מענטשן, וואס ער פלעגט ארויסבאקומען זייערע פעסווארדס דורך אויסשפילן זיי אז זיי זאלן אריינגיין אין א פאלשן וועבסייט צו מאכן א נייעם פעסווארד וואס ער האט אויפגעכאפט.

* * *

## ווילט איר דערהויבן אייער ביזנעס צום קומענדיגן שטאפל?

פלאגט איר אייך מיט די פאך פון "דעליגעטן", וואס מיינט איבערגעבן ארבייט פאר אנדערע? זוכט איר גרעסער צו מאכן אייער ביזנעס? וואונדערט איר זיך ווי אזוי די נייע שטייער געזעצן וועלן ווירקן אויף אייער ביזנעס? רוב קליינע ביז מיטעלע-גרויסע ביזנעסער שטייען פאר די אלע קריטישע פראגעס, דאס איז ווי אזוי Winning Edge 2018 איז געבוירן.

די עקזעקוטיווע ביזנעס קאנפערענץ וואס וועט אנהאלטן איין טאג איז באשטימט אויף מאנטאג פ' חקת, יוני 18, אין מאנטקלער סטעיט אוניווערזיטעט און וועט אדרעסירן די דאזיגע און אנדערע ברענענדיגע ביזנעס זארגן.

פארגעשטעלט דורך Saul Friedman and Co. און פראדוצירט דורך Bottom Line Marketing Group, איז Winning Edge 2018 אויסגעפלאנירט געווארן פאר ביזנעסלייט, ביזנעס באאמטע און ביזנעס אייגנטימער אז זיי זאלן זיך קענען איינשאפן ווערדפולע געדאנקען און סטראטעגיעס צו ספראווען זיך מיט זייער שווערסטע ביזנעס פראגעס. דורך סעסיעס וואס גייען זייער שנעל און פארשטעלונגען פון וויכטיגע בארימטע ביזנעסלייט, וועלן די באטייליגטע געלערנט ווערן אויף די מערסטע פארגעשריטענע מיטלען צו דערהויבן זייער ביזנעסער צום העכער'ן שטאפל.

Winning Edge 2018 האט באשטעטיגט א פולע באטייליגונג פון העכסט אינטערסאנטע פארשטעלער וואס מען וועט זיי גאנץ זיכער אויסהערן. זיי האבן שוין געווינען לויב פון זייער קלוגשאפט און ערפארונג, אויפלעבנדיג ביזנעס פארזאמלונגען איבער די גאנצע וועלט.

די עפענונג "קינעוט (הויפט) פארשטעלונג וועט קומען פון דעם שטארק-געזוכטן דזשעפרי העיזלעט, וועלכער איז א מיטגליד אין דעם. זייענדיג א בארימטער ביזנעס עקספערט, פירט ער אן מיט וויכטיגע ראדיא און טעלעוויזיע פראגראמען, ער איז אויך אינטערנאציאנאל אנערקענט פאר זיינע ביזנעס פעאיגקייטן און די ביכער וואס ער שרייבט ווערן "בעסט סעלערס". ער איז אמאל געווען א הויפט באאמטער פון איסמאן קאדעק, וועלכער איז געווען פון די 100 גרעסטע ביזנעסער אין די וועלט, זייענדיג אויף די "פארטשון 100" ליסטע. איצט איז ער פארזיצער פון די C-Suite Network. ער איז אן עקספערט אין "ברענד מארקעטינג", צילנדיג אויף ביזנעס טראנספארמאציע, פירערשאפט, און ווי אזוי צו טוישן די פארוואלטונג אז עס זאל בעסער טרייבן די ביזנעסער צו וואוקס.

די שלוס רעדע ביי די קאנפערענץ וועט קומען פון סטיווען שאפירא, וועלכער ווערט באצייכנט ווי דער "אינאוואציע אויפשפילער". ער איז א רעדנער וועלכער ווערט שטארק געזוכט, ווי אויך אלס ביזנעס ראטגעבער. ער איז אנערקענט אלס עקספערט אויף ביזנעס רענאוואציע (טרעפן א נייעם "קוועטש" אין א ביזנעס צו פארבעסערן די ביזנעס) און זיין ארבייט מיט וויכטיגע קליענטן אזוי ווי די וועלט בארימטע פירמעס Procter & Gamble, Microsoft, and Dell. ער איז א הייסע רעדנער וואס פארכאפט די אויפמערקזאמקייט פון אלע וואס הערן אים. ביי זיינע פייערדיגע לעקציעס, שפרינגט מען ממש ארויס פון די בענקלעך ווען מען געפינט אויס פון נייע וועגן ווי אזוי צו טראכטן איבער זייער ביזנעס וואוקס.

עס וועט אויך זיין פארשטעלונגען פון די פאלגנדע אינטערסאנטע ביזנעסלייט:

Michael A. Macintyre, US Head of Retail of HSBC, Michael Langer, Founder and CEO of Gulliver's Gate, Saul N. Friedman and Simeon Friedman of Saul N. Friedman and Company, Yitzchok Saftlas, Founder and CEO of Bottom Line Marketing Group, Allen Fagin, Executive Vice President of the Orthodox Union, Bradley Nash and Solomon Klein, Partners at Schlam Stone & Dolan LLP, Josh Nass, Founder & CEO of Josh Nass Public Relations, Eli Rowe, CEO of World Medical Bank, and Firouz Daneshgari, President and Founder of BowTie Medical.

דער צוזאמקונפט וועט פארקומען אין מאנטקלער סטעיט אוניווערזיטעט, א צענטראל פלאץ אין די דריי סטעיטס וואס איז אויך נאענט צו גרויסע עירפארטס. מען וועט צושטעלן צוויי אויסגעצייכנטע מאלצייטן פון Fine Art Catering וואס וועט זיין אונטער די השגחה פון KCL, און עס וועט אויך זיין א משגיח תמידי דארטן.

ווען מען וועט פארטיג ווערן וועלן אלע באטייליגטע באקומען א סך הכל פון די קאנפערענץ, א דאקומענט וואס וועט זיין גוט ארגאניזירט, קורץ און צו די זאך, דעקנדיג אלע וויכטיגע פונקטן און געדאנקען וואס מען האט ארויסגענומען פון יעדע פארשטעלונג. די ציל פון דעם איז, אז די באטייליגטע זאלן האבן עפעס מיטצונעמען פון די קאנפערענץ וואס זאל זיי גוט שטיין אין זייער שפעטערדיגע ביזנעס וואוקס.

מיט די "ווארק שאפס" וואו מען האט א געלעגנהייט איבערצושמועסן זאכן, און אויך מיט די "נעטווארקינג" מעגליכקייטן, וואו מען קניפט זיך אן פרישע באקאנטשאפטן פון וואס מען קען שפעטער געניסן אין ביזנעס, אונטער פארשידענע פארשטעלונגען וואס מען וועט פארלייגן, וועט Winning Edge 2018 אייך איבערלאזן בעסער אויסגעשטאט צו אנטוויקלען אייער ביזנעס, אויסברייטערן אייער ביזנעס אויסקוק און מאכן אז אייער ביזנעס "ברענד" (אייגנארטיגע נאמען אדער פראדוקט) זאל בעזרת ה' וואקסן.

רעזערווירט שוין אייער פלאץ און איר וועט אוועקגיין פון דארט מיט עכטע רעזולטאטן וואס וועט זיכער ארויפטרייבן אייער ביזנעס אין די צוקונפט! פאר רעזערוואציעס גייט צו WinningEdge2018.com אדער רופט 718-412-3508.

